בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְּ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

**פַּרְשַׁת אַחֲרֵי**

תשפ"ד

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָזאל אִיךְ לָאזְן פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן בַּיי מִיר אִין אָפִּיס?..........................א

וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבְּ׳ס קִינְדֶער? .........................ב

אִיז שָׁלוֹם בַּיִת וִויכְטִיגֶער פוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר?..........................ג

פַארְוָואס אִיז מַיין מַאן גֶעפַאלְן אַזוֹי נִידְרִיג?.........................ד

אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, הָאט מֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער ..............ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

פַארְלוֹירְן אַזַא טַייעֶרְע אוֹצָר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה ..................א

טוּ אַלֶע מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ ..........................ג

אַ שֵׁיגֶץ שְׁרֵייט אִין שְׁטוּבּ, אַ שֵׁיגֶץ זִידְלְט..........................................ג

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ טְרֵייסְטְן..........................................ד

אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז דוּ שְׁרֵייסְט נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ ..........................ה

לָאמִיר שָׁלוֹם מַאכְן אוּן זִיךְ פַארְגֶעבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן ..........................ו

אַז אִיר וֶועט פָאלְגְן אַייעֶר מַאמֶע, וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט שָׁאטְן..................ו

וִוילְסְט בְּלַייבְּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת ..........................ז

פַארְוָואס מֶעגְסְטוּ הָאבְּן אַ טְרֵיפָה׳נֶע טֶעלֶעפָאן אוּן דַיין וַוייבּ נִישְׁט? ..............ט

מַחְמִיר זַיין בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע שִׁיעוּר ..........................י

יֶעדֶע וָואךְ זָאלְט אִיר קָאכְן עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל לְכָבוֹד שַׁבָּת........................ יא

וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ וִויל קוֹיפְן אַ נִישְׁט כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן?..............יב

מִיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וֶועט זַיין גֶעלְט ..........................יג

אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים אַז מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן..........................................יג
אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד צוּ זָאגְן 'טַאטֶע' אוּן 'מַאמֶע'......................................טו
אָט אִיז מֶען אַ מַלְאָךְ, אָט אִיז מֶען אַ גַלָח..............................................טו
גֵיי הֲפָצָה צוּ דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים וָואס וַואלְגֶערְן זִיךְ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת......................טז
מִיט דַיין קֶעסְט אוּן מִיט דִי סְקוּטֶער לוֹיפְסְטוּ אַרוּם הֲפָצָה..................................יח
מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ שֵׁיינֶע שַׁ"ס, וְויל אִיךְ דִיר צוּרִיק גֶעבְּן אַ מַתָּנָה................יט
בְּלַייבּ נָאר מִיט דִי שִׁיעוּרִים וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט..........................................כא
אִין שְׁטֶעטְל דַארְף מֶען אוֹיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן.............................................כב
דוּרְךְ תּוֹרָה וֶועט מֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס......................................כד
אִיךְ ווִיל קֶענֶען אַלֶעס קוֹיפְן, אָן דַארְפְן פַּארְדֶעם קוּקְן אִין בַּאנְק..............................כד
וָואלְט אִיר גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קְלֵייד קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ?.................................כה
נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי שָׁכֵנְ'טֶע.........................................................כז
נֶעמְט דִי קִינְדֶער, דִי מַאמֶע זָאל קֶענֶען טוּן אִיר אַרְבֶּעט.....................................כח
אַ מְנַהֵל דַארְף מוּטִיגְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי מְלַמְדִים.......................................כח
אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי שְׁטֶעטְל אוּן דִי קְהִלָּה...................................................כט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**זָאל אִיךְ לָאזְן פְרוֹיעֶן אַרְבֶּעטְן בַּיי מִיר אִין אָפִּיס ?**

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרֵי חִיזוּק.

אִיךְ הָאבּ אַן אָפִּיס מִיט אַרְבֵּייטֶער, אוּן עֶטְלִיכֶע וַוייבְּלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ אַרְבֶּעטְן פַאר מִיר. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר מַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת הַמַּחְשָׁבָה, עֶס מַאכְט מִיר נִסְיוֹנוֹת פוּן צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶעם אוּן עֶרְלִיכְן מֹחַ אוּן מַחֲשָׁבוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מַיין רָב אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ צָאלְן מֶער גֶעלְט צוּ הָאבְּן מֶענֶער אַרְבֵּייטֶער, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי וִוי דֶער דֶּרֶךְ הָעוֹלָם אִיז צוּ נֶעמֶען פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ פַאר דִי אַרְבֶּעט - אִיז עֶס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

מִיר שְׁטֶערְט עֶס אָבֶּער נָאכְאַלְץ, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן הַדְרָכָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיךְ זָאל טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דַיין רָב הָאט דִיר גֶע'פַּסְקֶ'נְט אוּן עֶס אִיז דִיר נָאכְאַלְץ שְׁוֶוער וְכוּ' - זָאלְסְטוּ דָאס אַדוּרְכְשְׁמוּעֶסְן נָאכְאַמָאל מִיט אִים, אוּן אִים זָאגְן אַז דָאס אִיז דִיר שְׁוֶוער, וָואס עֶר זָאגְט אוֹיף דֶעם.

מֶען דַארְף זַיין אָפְן מִיטְן רַב, מִיטְן דַיָּין, זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען; אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט בַּא׳טַעמְ׳ט און מֶען קֶען וֶוערן פַארְשֶׁעמְט - אִיז עֶנְדֶערְשׁ פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן דָא ווִי צוּ פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבְּ׳ס קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעהֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ, אַז מֶען קֶען נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט לִיבּ, אוּן אַז דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵיי לִיבּ אָדֶער נִישְׁט.

מַיין וַוייבְּ׳ס קִינְדֶער וואוֹינֶען מִיט אוּנְז אִין שְׁטוּבּ, אָבֶער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי לִיבּ צוּ הָאבְּן, בְּעִיקָר וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע מְחוּצָפִּים פַאר זֵייעֶר מַאמֶע, זֵיי רֶעדְן צוּ אִיר אַזוֹי ווִי זִי וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר דִינְסְט. צוּמָאל שְׁפִּיר אִיךְ מַמָשׁ ווִי אִיךְ פְּלַאץ פוּן דֶעם, אִיךְ מוּז אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ אוּן אֲפִילוּ פוּן הוֹיז; אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, נָאר דוּרְךְ דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער, וָואס זֶענֶען זֵיי נֶעבֶּעךְ שׁוּלְדִיג; דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן אַ צֶעטֵיילְטֶע שְׁטוּבּ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס קִינְדֶער פוּן אַ צֶעטֵיילְטֶע שְׁטוּבּ גֵייעֶן אַרִיבֶּער; דִי וֶועלְט אִיז זֵיי טוּנְקֶל, עֶס אִיז זֵיי זֵייעֶר בִּיטֶער.

זַיי דַן לְכַף זְכוּת דִי קִינְדֶער פוּן דַיין וַוייבּ, אוּן וֶוען זֵיי רֶעדְן מִיט נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס, זַיי מְהַפֵּךְ דִי כַּעַס צוּ רַחְמָנוּת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ד) ; וָואס וֵויסְן דִי קִינְדֶער וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען ? זֵיי הָאבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע חִינוּךְ וִוי צוּ רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן.

אַז דוּ וֶועסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זֵיי וֶועסְטוּ זֵיי קֶענֶען זָאגְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אַ מַאמֶע מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט וֶוען מֶען אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע אוּן מַאמֶע ; מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן גוּטְס בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיז שָׁלוֹם בַּיִת וִויכְטִיגֶער פוּן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ אִינְגֶערְמַאן בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס בְּרֶענְגְט יֶעדֶע וָואךְ דִי קוּנְטְרֵסִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ לֵיין עֶס יֶעדֶע וָואךְ מִיט דָארְשְׁט, אוּן אִיךְ בַּאקוּם בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ חִיזוּק פוּן דֶעם, אוּן אוֹיף דֶעם מוּז אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דִי וִויכְטִיגְקֵייט אוּן הַארְבְּקֵייט פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אוּן נָאךְ פִילֶע גוּטֶע זַאכְן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר שְׁטַארְק, אוּן אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם, אֶפְשַׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

אִין אוּנְזֶער חֲסִידוּת אִיז דָא אַ קְלָארֶע מְהַלֵּךְ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף טוּן יֶעדֶע זַאךְ. בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ אַז דִי פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר אִינְגַאנְצְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן לוֹיט וִוי אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דִי בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה

שְׁלִיטָ"א, הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן. דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז מִיר שְׁטֶערְט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ עֶקְל זִיךְ אֲפִילוּ פוּן דֶעם. אִיךְ הַאלְט שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אָבֶּער עֶס שְׁטֶערְט מִיר נָאכְאַלְץ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט מַיין וַוייבּ וֶועגְן דֶעם, זִי אִיז מַסְכִּים מִיט מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין, אַז עֶס שְׁטֶערְט מִיר, אוּן אַבִּיסְל שְׁטֶערְט עֶס אִיר אוֹיךְ. זִי צִיטֶערְט אָבֶּער צוּ טוּישְׁן דֶעם וֶועג, בְּעִיקָר צוּלִיבּ אִיר מִשְׁפָּחָה, אַז זִי זָאל נִישְׁט זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן.

אִיךְ מֵיין אָבֶּער אַז שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דֶער מַאן זָאל זַיין צוּפְרִידְן - אִיז וִויכְטִיגֶער פוּן מִשְׁפָּחָה אוּן פוּן דִי מִנְהָג אוּן מְסוֹרָה, זִי אִיז אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים צוּ דֶעם.

מִיר קְרִיגְן זִיךְ אַסאךְ וֶועג דֶעם, אוּן דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט גוּט, אִיז דִי שְׁאֵלָה וָואס קֶען מֶען טוּן וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, עֶס בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת; צַדִיקִים הָאבְּן גֶע׳פּוֹעֶל׳ט יְשׁוּעוֹת, קִינְדֶער, גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה - בִּזְכוּת וָואס דִי פְרוֹי שֶׁערְט זִיךְ אָפּ דִי הָאר.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען וֵויינֶען צוּם נַאסֶעדֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אַזוֹיפִיל יָאר, אוּן זִי אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, פְרֶעגְט דֶער צַדִיק: ״אוּן וָואס אִיז מִיט דִי הָאר?״ הָאט זִי גֶעזָאגְט: ״רֶבִּי עֶס אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע נִסָיוֹן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר״. וֶוען דֶער צַדִיק הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, דִי פְרוֹי אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין אוּן גֶעוֵויינְט: ״אִיךְ דַארְף אַ אִינְגְל״, אָבֶּער דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, בִּיז דֶער גַבַּאי זָאגְט אִיר: ״וָואס

פַארְשְׁטֵייט אִיר נִשְׁט, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן וֶועט אִיר הָאבְּן אַ אִינְגְל", אִיז זִי אַרוֹיס אוּן זִי אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּשֶׁערְן, אוּן זִי אִיז גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן בִּיז אַ יָאר מִיט אַ זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע אִינְגְל.

דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'יֶעצְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ קִינְד, וָואס דַארְף אִיךְ יֶעצְט פָאלְגְן דֶעם צַדִיק, אִיךְ וֶועל זִיךְ צוּרִיק לָאזְן וַואקְסְן מַיינֶע הָאר', אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט שֶׁערְן, בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער אִינְגְל קְרַאנְק גֶעוָוארְן. זִי אִיז גֶעקוּמֶען לוֹיפְן צוּם צַדִיק וֵויינֶען: "רֶבִּי מַיין אֵיינְצִיג קִינְד אִיז קְרַאנְק, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה", דֶער רֶבִּי זָאגְט אִיר: "וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ מֵיינְסְט אִיךְ וֵוייס נִשְׁט אַז דוּ שֶׁערְסְט זִיךְ מֶער נִשְׁט?" בְּקִיצוּר הַמַּעֲשֶׂה, עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִשְׁט גוּט.

מוֹהֲרָא"שׁ פִירְט אוֹיס, זִי הָאט נִשְׁט גֶעקֶענְט בַּייְשְׁטֵיין דִי נִסָיוֹן, זִי הָאט גֶעוָואלְט אִיר הָאר וִויכְטִיגֶער פוּן דִי קִינְדֶער, זִי הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם קִינְד.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נִשְׁט קוּקְן אוֹיף אַן אָפְּגֶעשׁוֹירֶענֶעם קָאפּ וִוי אֵיידֶער לָאזְן וַואקְסְן הָאר וָואס בְּרֶענְגְט קְלִיפּוֹת אוּן דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָא', דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִשְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִשְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִשְׁט זַיין חָשׁוּבּ, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִשְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחַזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

**אִיךְ הָאףְ דוּ וֶועסְט מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ זִיךְ וַוייטֶער אָפְּצוּשֶׁערְן, וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים אִין לֶעבְּן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

### פַארְוָואס אִיז מַיין מַאן גֶעפַאלְן אַזוֹי נִידְרִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס טְרֶערְט מִיר דִי אוֹיגְן אוּן עֶס וֵוינְט מַיין הארְץ, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז אִיךְ וֶועל אַמָאל זַיין פוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס גֵייעֶן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוֹיף זֵייעֶר מַאן.

דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן הָאט מַיין מַאן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַסַאךְ שְׁמוּץ, עֶפֶּעס וָואס אִיז קֵיינְמָאל גֶעוֶוען בֶּעפָאר. אִיךְ בִּין מְחוּנָךְ גֶעוָוארְן פוּן אַלְס קְלֵיין קִינְד אַז רֶעדְן שְׁמוּץ אוּן נִיבּוּל פֶּה אִיז עֶרְגֶער פוּן פֵייעֶר, עֶס בְּרֶענְט מִיר מַיין הארְץ אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ קֶען מַמָשׁ נִישְׁט וַוייטֶער רֶעדְן מִיט מַיין מַאן נָאכְדֶעם וָואס עֶר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה. אוּן וֶוען אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן אַזוֹי צוּ רֶעדְן, הֶעלְפְט עֶס גָארְנִישְׁט.

עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן אִיךְ זָאל זִיךְ אָנְטוּן אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג, אָדֶער עֶפֶּעס וָואס וֶועט מְצַעֵר זַיין מַיינֶע עֶלְטֶערְן, בַּיינַאכְט מַאכְט עֶר מִיר מְשׁוּגָע אַז עֶר וִויל אַהֶער אוּן אַהִין. אוּן אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קוֹיפְן נֵייעֶ נַאכְט קְלֵיידֶער אַזוֹי וִוי דִי גוֹיִם, עֶפֶּעס וָואס אִיז אִים אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען אַמָאל, עֶר הָאט נִיטְאַמָאל גֶעוואוּסְט וָואסֶערֶע סָארְט קְלֵיידֶער אִיךְ גֵיי, אָדֶער וֶועלְכֶע פַארְבּ עֶס אִיז.

עֶר רֶעדְט צוּ מִיר אַסַאךְ וֶועגְן דִי גוֹי'טֶעס אִין שְׁטָאט, וִוי שֵׁיין זֵייעֶר הָאר אִיז, וִוי אַזוֹי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, אוּן פַארְוָואס אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֶעטוּן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִיךְ וִויל וַוייטֶער גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג אַזוֹי וִוי בִּיז יֶעצְט.

זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז מַמָשׁ פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ מִיר אוּן צוּ מַיין בֶּעבִּי, עֶר אִיז אִינְדֶערְהֵיים זֵייעֶר וֵוינִיג, עֶר עֶנְטְפֶערְט מִיר כִּמְעַט נִישְׁט וֶוען אִיךְ רוּף אִים, מַיין אַפֶּעטִיט אִיז מִיר אַרָאפּ, אִיךְ שְׁלָאף נִישְׁט בַּיינַאכְט, אִיךְ וֵויין אָן אַ שִׁיעוּר פוּן פַּחַד וָואס גֵייט זַיין נֶעקְסְט. אוּן צוּ דֶעם אַלֶעם וַוארְט אִיךְ אוֹיף אַ שִׂמְחָה בְּקָרוֹב.

מַיין מֹחַ לוֹיפְט אַ גַאנְצְן צַייט אַז בַּאלד גֵיי אִיךְ זַיין צֶעטֵיילְט, גֶע'גֶט, און אִיךְ גֵיי הָאבְּן צְוֵויי קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אַלֵיין.

יֶעצְט עֶרֶב פֶּסַח, אַנְשְׁטָאט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַ רֵיינֶע הוֹיז און אַז עֶס קוּמְט אַזַא לִיכְטִיגֶע יוֹם טוֹב, זִיץ אִיךְ און אִיךְ וֵויין. וֶוען מַיין מַאן קוּמְט אַהֵיים פְּרוּבִּיר אִיךְ מִיט אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת צוּ שְׁמֵייכְלֶען און אִים אוֹיסְהֶערְן, אִיךְ טוּ זִיךְ אָן שֵׁיין און פַארְבּ זִיךְ דִי פָּנִים, אָבֶּער אִין וֵוייניגֶער פוּן פִינְף מִינוּט אִיז עֶר שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּב.

וֶוען אִיךְ פְּרוּבִּיר רֶעדְן מִיט אִים בַּיינַאכְט, טַעְנָה'ט עֶר אַז עֶר אִיז מִיד און עֶר דַארְף שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט; און אוֹיבּ הֶערְט עֶר אַז אִיךְ וֵויין בַּיינַאכְט, שְׁרֵייט עֶר אוֹיף מִיר אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶוער נִישְׁט שְׁטִיל וֶועט עֶר מִיר שְׁלָאגְן, און עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעוֶוען, אָדֶער סְטְרַאשֶׁעט עֶר מִיר אַז עֶר וֶועט אוֹיפְוֶועקְן מַיין בֶּעבִּי אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט קֶענֶען שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט. בְּקִיצוּר, דִי לוּפְט אַרוּם מִיר אִיז שְׁוַוארְץ, אִיךְ פִיל וִוי עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיר דִי רֵיינֶע לוּפְט, און אַז עֶס גֵייט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט גֶעשֶׁען.

עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ נַייֶע אַרְבֶּעט אוֹיף אַ פְּלַאץ מִיט מֶענְטְשְׁן אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, און אַזוֹי אוֹיךְ אַרְבֶּעט דָארְט אַ שְׁוַוארְצֶע גוֹי'טֶע. אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט, אָבֶּער עֶר טַעְנָה'ט אַז נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט עֶר וֶוערְן אַ מֶענֶעדְזְשֶׁער, און דֶעמָאלְט גֵייט עֶר שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט זֵיי, אָבֶּער דִי תֵּירוּץ אִיז שׁוֹין לַאנְג אָפְּגֶעלָאפְן.

הַלְוַאי זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר מְחַזֵּק זַיין און אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב. אַזוֹי אוֹיךְ וִויל אִיךְ בֶּעטְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מְחַזֵּק זַיין מַיין מַאן, עֶר הָאט זֵייעֶר לִיבּ דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אִים צֶעטְרֵייסְלֶען דִי הַארְץ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, י' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער פַּאסִירְט לֵיידֶער בַּיי אַסַאךְ שְׁטִיבֶּער, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען הַיינְט זֵייעֶר גְרוֹיס. מוֹהֲרַ"ש זָאגְט, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי וֶועלְט אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא; בַּיים דוֹר הַמַּבּוּל און בַּיי דִי

דוֹר הַפְלָגָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס אַ אִינְגֶערְמַאן גֵייט הַיינְט אַרִיבֶּער.

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אַייךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן; ווייל זַיין פַארְלוֹירְן אוּן לֶעבְּן מִיט פַּאנִיק - וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

צְוֵוייטְנְס, אִיר זָאלְט יֶעצְט נִישְׁט זָאגְן מוּסָר פַאר אַייעֶר מַאן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שִׁיכּוֹר אָדֶער פַארְ'סַמְ'ט - קֶען מֶען אִים נִישְׁט זָאגְן מוּסָר, יֶעצְט קֶענְט אִיר נָאר שְׁמֵייכְלֶען צוּ אִים, אוּן אִים וַוייזְן, אִים גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן - ווי אִיר זֶענְט מִיט אִים, עַל כָּל פָּנִים זִיךְ מַאכְן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָיךְ, אוּן אַז עֶר פַארְלַאנְגְט זַאכְן וָואס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה, דַארְף מֶען מִיט חָכְמָה זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן, דָאס הֵייסְט, נִישְׁט שְׁטֶעלְן אַ ווִידֶערְשְׁטַאנְד אוּן זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט!" "מֶען מֶעג נִישְׁט!" - נָאר מִיט חָכְמָה זוּכְן תֵּירוּצִים פַארְוָואס מֶען קֶען עֶס נִישְׁט טוּן.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס גֵייט אַייךְ זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ נֶעמֶען דֶעם גַאנְג, דָאס לֶעבְּן אִיז אַייךְ פַארְטוּנְקְלְט גֶעוָוארְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג, אָבֶּער הַהֶכְרֵחַ לֹא יְגֻנֶּה, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה - טוּט מֶען וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן.

וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, וֶוען אַייעֶר מַאן אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ - זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִים אַ רוּחַ טָהֳרָה מִמָּרוֹם, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע לָשׁוֹן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ מַיין מַאן אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, מַיין מַאן רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל, אוּן דִי פְּלַאץ וואוּ עֶר אַרְבֶּעט הָאט אַ נִישְׁט גוּטֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיף אִים, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רַאטֶעוֶוע מִיר מַיין שְׁטוּבּ, רַאטֶעוֶוע מַיין מַאן פוּן שְׁלֶעכְטְס, אִיךְ וִויל בּוֹיעֶן אַ מִשְׁכָּן פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ

**מִיט קִינְדֶער וָואס מֶען לֶעבְּט מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען לֶעבְּט מִיט צַדִּיקִים, מֶען לֶעבְּט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם".**

אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, וַוייל דִי תְּפִילּוֹת וָואס מֶען בֶּעט מִיט שִׂמְחָה - אִיז זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן פא): "תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה", וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה, "הִיא עֲרֵבָה וּמְתוּקָה לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דִי תְּפִילּוֹת זֶענֶען זִיס אוּן אַיינְגֶענֶעם בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען אִיר וֵויינְט - זָאלְט אִיר נָאר וֵויינֶען פוּן שִׂמְחָה, נָאר זִיסֶע טְרֶערְן, דִי בִּיטֶערֶע טְרֶערְן אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע, מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ, גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן מֶען בֶּעט אִים אַ מַתְּנַת חִינָּם; דֶעמָאלְט זֶעט מֶען נִיסִים.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ בְּרִיוו אִיר זָאלְט דָאס גֶעבְּן פַאר אַייעֶר מַאן.

נָאכְאַמָאל וִויל אִיךְ אַייךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע נְקוּדָה, זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, וַוייל אִין דֶעם אִיז אַלֶעס גֶעוָואנְדְן, מִיט אֱמוּנָה אִיז לִיכְטִיג, מִיט אֱמוּנָה זֶעט מֶען נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, הָאט מֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, י' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק, וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, זִי אִיז וואוֹיל, זִי אִיז גֶעטְרֵיי, אוּן גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, וַוייל נָאר אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן - הָאט מֶען אַ גֶעפִיל אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

טֵייעֶרער בְּרוּדֶער גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים, אוֹיךְ פוּן אַ נִישְׁט גוּטֶע סְבִיבָה בַּיי דִי אַרְבֶּעט. עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה אוֹיבּ מֶען וֶוערְט אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס לוֹינְט נִישְׁט דָאס לֶעבְּן אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, וַוייל אִין אָנְהוֹיבּ גְלַאנְצְט עֶס, אִין אָנְהוֹיבּ זֶעט אוֹיס וְוי דִי נִישְׁט עֶרְלִיכֶע הָאבְּן דִי לֶעבְּן, אָבֶּער עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

טֵייעֶרער בְּרוּדֶער, דַיין וַוייבּ הָאט דִיךְ אַזוֹי לִיבּ, עֶנְק הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן; אַ שָׁאד פַארְלִירְן דִי שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע לֶעבְּן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט, וַוייל דוּ וֶוערְסְט אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין אַ נִישְׁט גוּטֶע וֶועג; דוּ בִּיסְט אַן אֵיידֶעלֶע נְשָׁמָה, דוּ בִּיסְט טֵייעֶר, דִיר פַּאסְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, דִיר פַּאסְט נִישְׁט זַיין מִיט עֲבֵירוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד וַוייטֶער שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ אַזוֹי וְוי בִּיז אַהֶער, זִי אִיז דִיר עֶכְט גֶעטְרֵיי, זִי זָאגְט זִי בֶּענְקְט צוּ דִי טֶעג וָואס דוּ פְלֶעגְסְט רֶעדְן אֵיידֶל אוּן שֵׁיין, זִי בֶּענְקְט צוּ דִי טֶעג וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפִירְט אֵיידְל.

זִי הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ וְוִיל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן נָאר דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט דִי תּוֹרָה - הָאט דִי לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם יִמַּח שְׁמוֹ פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם", עֶר וַוארְפְט אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת, אִים צוּצוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט אוּן אוֹיךְ יֶענֶע וֶועלְט.

שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## פַארְלוֹירְן אַזַא טֵייעֶרֶע אוֹצָר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין אֱמוּנָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם מִתּוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע נֵייעֶס אַז דַיין וַוייבּ אִיז דִיר פְּלוּצְלוּנְג אַוֶועק אוּן דִיר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ שְׁטוּבּ מִיט אַכְט יְתוֹמִים וָואס דִי יוּנְגְסְטֶע אִיז פּוּפְּצְן חֳדָשִׁים, דִי הַארְץ פְּלַאצְט פוּן הֶערְן אַזַא טְרַאגֶעדְיֶע; וֶוער קֶען טְרֵייסְטְן, וֶוער קֶען הֵיילְן דַיין וֵוייטָאג.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חַבֵר, נֶעם זִיךְ צַאם מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, זַיי אַ הֶעלְד, זַיי אַ טַאטֶע פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אוֹיךְ אַ מַאמֶע; מִיט אֱמוּנָה וֶועסְטוּ דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן, אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, מֶען בַּאקוּמְט אַייזֶערְנֶע נֶערְוְון, אַייזֶערְנֶע כֹּחוֹת, אוּן מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, אַ פְרִישֶׁע לֶעבְּן; מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הָאסְט פַארְלוֹירְן אַזַא טֵייעֶרֶע אוֹצָר דַיין וַוייבּ, דַיין אֵשֶׁת חַיִל, זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין אוֹצָר - דִי אֱמוּנָה; מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, אִין סִיבִּיר אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי מֶענְדְל פּוֹטֶערְפַּאס, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער חָסִיד. דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם הָאבְּן אִים פַארְשִׁיקְט קַיין סִיבִּיר, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, סוּכּוֹת, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוֹפָר, קַיין מַחְזוֹר, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט, הָאט עֶר

גֶעטְרַאכְט עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן אַ סוּכָּה, עֶר וֶועט צַאמְקְלַאפְּן בְּרֶעטֶער, כָּאטְשִׁיג קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה.

אַ נַאכְט פַּאר סוּכּוֹת אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְקֶע וִוינְטְן אוּן דִי וִוינְטְן הָאבְּן אַרֶועקְגֶעטְרָאגְן דִי סוּכָּה, דִי וֶוענְט מִיט דִי סְכַךְ. סוּכּוֹת בַּיינַאכְט, רֶבִּי מֶענְדְל גֵייט שְׁטִילֶערְהֵייט אִין וַואלְד מִיט אַ שְׁטִיקְל עֶסְן צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה, אוּן... וְאֵינֶנּוּ, דִי סוּכָּה אִיז נִישְׁטָא; הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'אַ שׁוֹפָר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט, אַ מַחְזוֹר אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַ סוּכָּה, לָאז מִיךְ כָּאטְשִׁיג הָאבְּן דִי מִצְוָה פוּן שִׂמְחַת יוֹם טוֹב'... עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶר אִיז אַ אִיד.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע טֶעג, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען הָאט אַלֶעס פַּארְלוֹירְן - זָאל מֶען אָבֶּער נִישְׁט פַּארְלִירְן דִי אֱמוּנָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְץ וֵויינְט מִיט דִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אָן מַיין טְרֵייסְט, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, מִיט שִׂמְחָה; צוּ זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע טַאטֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ ווִילְסְט וֵויינֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן, שְׁטִילֶערְהֵייט אִיז גוּט אוּן גֶעזוּנְט צוּ וֵויינֶען, אָבֶּער וֶוען דִי קִינְדֶער זֶעעֶן דִיךְ - זָאלְסְטוּ נָאר לַאכְן אוּן שְׁמֵייכְלֶען, אוּן זָאגְן: "מִיר הָאבְּן אַ בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר טוּט נָאר וָואס אִיז גוּט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### טוּ אַלֶע מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, און מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת טָהֳרָה, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶער עִיקָר אִיז שִׂמְחָה; טוּ אַלֶע מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, און מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין אַלֶע מַיינֶע אֵבָרִים, פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס, אַז אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיךְ בַּאשַׁאפְן אַ אִיד און מִיר גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת.

אָנָּא, אִיךְ בֶּעט דִיר, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ און פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע, און בִּזְכוּת שִׂמְחָה זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִין דִיר, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט זֶען פַאר מַיינֶע אוֹיגְן נָאר דִיךְ בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זֶען און שְׁפִּירְן וִוי דוּ בִּיסְט אַלֶעס און עֶס אִיז מֶער גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דוּ אַלֵיין, און זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה".

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג.

שַׁבָּת און אוֹיךְ פֶּסַח וֶועל אִיךְ זַיין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### אַ שֵׂגֶץ שְׁרֵייט אִין שְׁטוּבּ, אַ שֵׂגֶץ זִידְלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת טָהֳרָה, י׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ אַ וַוייבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵיידְל און וֵוייךְ; אַ שֵׂגֶץ שְׁרֵייט אִין שְׁטוּבּ, אַ שֵׂגֶץ זִידְלְט; עֶס לוֹינְט נִישְׁט אַלֶע חוּמְרוֹת אוֹיבּ עֶס בְּרֶענְגְט צוּ אֵיין פִּינְטְל כַּעַס, אָדֶער אֵיין שְׁטֶעךְ פַאר דִי וַוייבּ.

מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלַאכְט פוּן דִי חוּמְרוֹת. מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, זַיין וַוייבּ דִי רֶעבֶּעצִין הָאט גֶעהַאט אַ בַּאבֶּע וָואס הָאט פֶּסַח'דִיג גֶעמַאכְט דִי טִישׁ, אוֹיפְן טִישׁ הָאט זִי גֶעלֵייגְט אַ בְּרֶעט, אוֹיפְן בְּרֶעט הָאט מֶען גֶעלֵייגְט פַּאפְּנְדֶעקְל (קַארְדְבָּארְ"ד), אוֹיפְן פַּאפְּנְדֶעקְל הָאט מֶען אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיט זִילְבֶּער פֶּעיפֶּער, אוֹיף דִי זִילְבֶּער פֶּעיפֶּער הָאט מֶען גֶעלֵייגְט אַפָּאר טִישְׁטוּכֶער אוּן נָאכְדֶעם הָאט מֶען אָנְגֶעוָוארְנְט דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ לֵייגְן דִי טֶעלֶער אוֹיפְן טִישׁ נָאר הַאלְטְן דִי טֶעלֶער אִין הַאנְט.

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת, דָאס אִיז אִידִישְׁקֵייט; מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ אִיד נָאר אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג גְּמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ טְרֵייסְטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, י' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם מִתּוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע פוּן דַיין טֵייעֶרֶער בָּחוּר, דַיין טֵייעֶרֶער זוּן עָלָיו הַשָּׁלוֹם; וֶוער קֶען פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר פוּן אַ טַאטֶע וָואס פַארְלִירְט אַ זוּן, אַ יוּנְגֶע בֵּיימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ טְרֵייסְטְן זָאלְט נִישְׁט וִויסְן מֶער פוּן קַיין צַעַר אוּן זָאלְסְט קֶענֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט וּבְחֶסֶד וּבְרַחֲמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ הָאף זֵייעֶר אַז דוּ שְׁרֵייסְט נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הֲגַם מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט פָּנִים בְּפָנִים וְויל אִיךְ נָאכְאַמָאל זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט וָואר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּרִיק גֶעהֶערְט, אַז דוּ שְׁרֵייסְט קוֹלֵי קוֹלוֹת אוֹיף דַיין וַוייבּ; אִיךְ הָאף עֶס אִיז אַ בֵּייזֶער לִיגְנְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אוֹיף אַ וַוייבּ טָאר מֶען נִישְׁט שְׁרֵייעֶן.

מוֹהֲרַאְ"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן אִיז אַמָאל אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי יֶענֶער שְׁרֵייט אוֹיף זַיין וַוייבּ, הָאט עֶר אִים גֶענוּמֶען אִין אַ זַייט אוּן אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "אוֹיף אַ וַוייבּ שְׁרֵייט מֶען?!" מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה, דִי וַוייבּ - זָאגְט דֶער רֶבִּי (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקסג) - אִיז דִי שְׁכִינָה, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער תַּלְמִיד, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעמַאכְט דַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיין שִׁידוּךְ, וְויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט טֵייעֶר הַאלְטְן דִי מַתָּנָה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ אִיר מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן אַז אִיךְ וֶועל הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר, וִוי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן וִוי דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן צְוִוישְׁן עֶנְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**לָאמִיר שָׁלוֹם מַאכְן אוּן זִיךְ פַארְגֶעבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעטְּ זִיךְ צוּ דִיר, שׁוֹין אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ זֶע דִיר נִישְׁט אוּן אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט בַּיי דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס דוּ מַאכְסְט אוּן וָואס עֶס הֶערְט זִיךְ, הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט אוֹיף מִיר, הֲיִתָּכֵן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין צַייט פַאר דִיר וְכוּ' אוּן דוּ ווִילְסְט מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט מִיר.

ווִיל אִיךְ דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת; ווִי נִישְׁט ווִי הָאבּ אִיךְ דִיר אוֹיךְ אַסַאךְ טוֹבוֹת גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין יְשִׁיבָה וֶוען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעעֶפְנְט אַ טִיר וֶוען אַלֶע הָאבְּן פַארְהַאקְט דִי טִירְן אוֹיף דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אוֹיפְגֶעהָאדֶעוֶועט כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאוֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַסַאךְ יָארְן מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן דִיר גֶעלֶערְנְט חָכְמַת הַחַיִּים, אוֹיסְגֶעלֶערְנְט שֵׁיינֶע זַאכְן פַארְן לֶעבְּן.

זַיי נִישְׁט בֵּייז אוֹיף מִיר אוּן לָאמִיר שָׁלוֹם מַאכְן אוּן זִיךְ פַארְגֶעבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז פַארְגֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז אִיר וֶועט פָאלְגְן אַייעֶר מַאמֶע, וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט שָׁאטְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַסאךְ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין דִי פְּרַאגֶע, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ ווִיסְן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, בִּיז אִיךְ בִּין בַּיי דִי מֵיינוּנְג אַז אִיר זָאלְט פָּאלְגְן אַייעֶר מַאמֶע אוּן טוּן דִי זַאכְן וָואס זִי ווִיל אַייךְ מַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.
אַייעֶר מַאמֶע אִיז אַן אִשָּׁה חֲכָמָה אוּן אַן אִשָּׁה כְּשֵׁרָה, זִי ווִיל נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס פוּן אַייךְ, זִי ווִיל אַייךְ הֶעלְפְן, אוּן אַז אִיר וֶועט אִיר פָּאלְגְן - וֶועט אַייךְ נָאר זַיין גוּט, עֶס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט שָׁאטְן.

אִיר וֶועט הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, נָאר אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ, רֶעדְט נִישְׁט מִיט אַייעֶרֶע חַבֶרְ׳טֶעס פוּן בָּחוּרִים, רֶעדְט נִישְׁט פוּן קַיין שִׁידוּכִים, מַאכְט נִישְׁט אַלֵיין שִׁידוּכִים, וַוארְטְס בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְן אַייעֶר שִׁידוּךְ.

אִיר הָאט טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אַייעֶר טַאטֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אַייעֶר מַאמֶע אִיז אַ צַדֶיקֶת; זָאלְט אִיר זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן רֶעסְפֶּעקְטִירְן, וּבִזְכוּת דֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ גֶעבְן אַלֶעס גוּטְס.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער גוּט אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן.
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִילְסְט בְּלַייבְּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, שְׁטֵיי וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בִּיסְט אַ פְּרִישֶׁער מְקוּרָב אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן אַז דוּ ווִילְסְט בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר אִין דִי הֵיילִיגֶע חַבּוּרָה - זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין וַוייט פוּן מַחֲלֹקֶת, שְׁטֵיי וַוייט פוּן דִי וָואס טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען לָשׁוֹן הָרָע; סֵיי דִי וָואס בְּרֶענְגֶען דִיר לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר, אוּן סֵיי דֶער וָואס דֶערְצֵיילְט דִיר פוּן וָואס דֶער רֶעדְט אוֹיף יֶענֶעם. זָאלְסְט ווִיסְן אַז דָאס אִיז פוּן דִי פְּרִינְצִיפְּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דִי עֶרְשְׁטֶע אוּן ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט לֵצִים וָואס זִיצְן אִין אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת.

דָא הָאסְטוּ אַ שְׁטִיקְל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעלָאזְט צַוָואָה, דִי צַוָואָה אִיז פַאר מִיר פְּרִיוַואט אוּן דוּ זָאלְסְט דָאס אוֹיךְ נֶעמֶען פַאר דִיר פְּרִיוַואט (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת י):

מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם סָארְט פָּאלִיטִיק.

כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער גֶעשְׁטֶעל, אוֹיבּ הֵייבְּט מֶען אָן זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף אִידְן, צוּבְּרֶעכְט מֶען מִיט דֶעם חֲלָקִים פוּנֶעם גַאנְצְן גֶעשְׁטֶעל, אוּן דַאן קֶען צוּפַאלְן דֶער גַאנְצֶע בִּנְיָן, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַרַיינְפַאלְן חַס וְשָׁלוֹם אִין כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אוּן פַארְקֶערְט וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ בְּשָׁלוֹם בְּרֶענְגְט דָאס אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, שָׁלוֹם אִיז דִי כְּלִי וָואס בְּרֶענְגְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת, אִיר זָאלְט אֵייבִּיג שְׁטֵיין פוּן דִי זַייט אוּן אַנְטְלוֹיפְן נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען וֶועט אַייךְ וֶועלְן אַיינְרֶעדְן אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מִצְוָה אוּן אַ חוֹב קָדוֹשׁ צוּ רוֹדְפְ'ן אַ גֶעווִיסְן מֶענְטְשׁ, זָאלְט אִיר זֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי סָארְט מִצְוֹת, אִיר זָאלְט אַייךְ הַאלְטְן נָאר בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם. אוּן זִיכֶער זָאלְט אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן קֶעגְן קַיין שׁוּם אִיד, וֶוער עֶס שְׁרַייבְּט אוּנְטֶער קֶעגְן אַ אִיד גֵייט אַרַיין אִין כְּלַל וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:) "הַמַּגְבִּיהַּ יָדָיו עַל חֲבֵירוֹ נִקְרָא רָשָׁע" - אֵיינֶער וָואס הֵייבְּט אוֹיף אַ הַאנְט אוֹיף זַיין חַבֵר הֵייסְט אַ רָשָׁע. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נְקָמָה נֶעמֶען אִין דֶעם וָואס טוּט דָאס, עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶערִיסְן פוּן דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זֶען צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי מַחְלוֹקֶת, רַייבֶּערַייעֶן אוּן טַעֲנָה'רַייעֶן וָואס מַאכְט זִיךְ צְוִוישְׁן חֲסִידוּת'ן אָדֶער צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע גְרוּפֶּעס אוּן פַּארְטֵייעֶן. אִיר זָאלְט זֶען צוּ מְכַבֵּד זַיין יֶעדְן אִיד, צוּ הַאלְטְן טַייעֶר אוּן חָשׁוּב יֶעדְן אִיד. אִיר זָאלְט מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן אוּן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט נָאר זוּכְן שָׁלוֹם אוּן אִיר וֶועט מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אִידְנ׳ס וֶועגְן, אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן אַייעֶרע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אִין הִימְל אוּן עֶס וֶועט אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוער עֶס פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ הַאלְטְן בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן עֶר בֶּעט אוּן אִיז מִתְפַּלֵּל פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

*

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס מֶעגְסְטוּ הָאבְּן אַ טְרֵיפָה׳נֶע טֶעלֶעפָאן אוּן דַיין וַוייבּ נִישְׁט?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הֶער דַיין גֶעוֵויין אַז דַיין וַוייבּ ווִיל זִיךְ קוֹיפְן אַ נִישְׁט כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְוֵוינְט וֶוען דוּ אַלֵיין דְרֵייסְט זִיךְ אַרוּם טָאג אוּן נַאכְט מִיט דִי נִישְׁט כָּשֵׁר׳עֶ טֶעלֶעפָאן; פַארְוָואס דוּ יָא אוּן זִי נִישְׁט? זִי זָאגְט פַארְקֶערְט, אִיךְ יָא אוּן דוּ נִישְׁט.

אַמָאל הָאסְטוּ מִיר גֶעפְרֶעגְט אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן אִין דִי אָפִּיס אַ טֶעלֶעפָאן פַאר בִּיזְנֶעס, הָאבְּ מִיר גֶערֶעדְט אַז דוּ וֶועסְט לָאזְן דִי טֶעלֶעפָאן אִין אָפִּיס אוּן דָאס וֶועט זַיין נָאר פַאר גֶעשֶׁעפְטְן, קֶען עֶס אַזוֹי זַיין; לְמַעֲשֶׂה בִּיסְטוּ אִין שׁוּל פַארְנוּמֶען מִיטְן טֶעלֶעפָאן, אוּן וואוּ דוּ גֵייסְט אוּן וואוּ דוּ שְׁטֵייסְט בִּיסְטוּ אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, אוּן יֶעצְט אַז דַיין וַוייבּ ווִיל זִיךְ אוֹיךְ שְׁפִּילְן מִיט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן קֶענֶען אַוֶועק לוֹיפְן פוּן דִי מְצִיאוּת וָואס הֵייסְט ׳לֶעבְּן׳ - וֶוערְסְטוּ דֶערְשְׁרָאקְן...

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס וֶועט זַיין

מִיט מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין נַארִישְׁקֵייטְן, אַ הַאלְבֶּע טָאג אָדֶער מֶער גֵייט מִיר אַוֶועק מִיט דִי טֶעלֶעפָאן, מִיט נֵייעֶס אוּן סְתָּם שְׁטוּתִים, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִין דִי צַייט וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אִין דִי צַייט וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט גֵיין הֲפָצָה, צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פָּאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעוֵויינְט אוֹיף דִי כֵּלִים וָואס פַארְדַארְבְּן דִי הַיינְטִיגֶע וֶועלְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אוּנְז נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי זַאכְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּטְשֶׁעפֶּען פוּן דִי זַאכְן, אוּן נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִיךְ דִינֶען״.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס אִיז אָפִּיס, וָואס אִיז בִּיזְנֶעס אוּן וָואס אִיז שׁוּל, וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אִין שׁוּל; עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט דִי טֶעלֶעפָאן אוּן קוּקְן נֵייעֶס, קוּקְן שְׁטוּתִים.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, וִויסְן וִוי צוּ צֶעטֵיילְן דִי בִּיזְנֶעס אוּן דִי שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַחְמִיר זַיין בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע שִׁיעוּר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, גֶעדֶענְק צוּ גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ. זַיי נִישְׁט קַיין טְרוּקֶענֶער, זַיי נִישְׁט קַיין קַאלְטֶער, זַיי וַוארֶעם צוּ דַיין וַוייבּ, דָאס אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דָאס אִיז אַ מִצְוָה וִוי אַלֶע מִצְוֹת; מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאגְן לִיבְּשַׁאפְט וֶוערְטֶער, וִוי שְׁטַארְק מֶען הָאט לִיבּ אוּן וִוי שֵׁיין זִי אִיז; דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, פֶּסַח זוּכְט מֶען צוּ וִויסְן אוֹיבּ דִי מַצָּה הָאט אַ כַּזַּיִת, אוּן

אוֹיבּ דִי כּוֹס הָאט אַ רְבִיעִית, און בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת - דָארְט זוכְט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא צוּ זַיין אַלֶע שִׁיעוּרִים, מֶען פַּטֶר'ט זיךְ אַז מֶען הָאט שׁוֹין אַמָאל גֶעזָאגְט אַ גוּט וָוארְט. אַזוֹי ווי דִי וֶוייטָאגְלִיכֶע ווערְטְל גֵייט, אַן עֶלְטֶערֶע אִידֶענֶע בַּיי דִי נַיינְצִיג יָאר הָאט גֶעפְרֶעגְט איר מַאן הֲיִתָּכֵן עֶר זָאגְט איר נִישְׁט קַיין גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶר זָאגְט אִיר נִישְׁט עֶר הָאט איר לִיבּ, זִי וַוארְט שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶער יָארְן צוּ הֶערְן עֶפֶּעס אַ גוּט וָוארְט, הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פְרַאגֶע: "אִיךְ זָאג דִיר נִישְׁט? אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אִין יִחוּד שְׁטִיבְּל אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אוֹיבּ וָואלְט זִיךְ עֶס גֶעטוֹישְׁט וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט".

זַיי נִישְׁט קַיין קַאלְטֶער טְרוּקֶענֶער, זַיי וַוארֶעם און גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער; וֶועט דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה רוּעֶן בַּיי דִיר און עֶס וֶועט זַיין פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יֶעדֶע וָואךְ זָאלְט אִיר קָאכְן עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל לְכָבוֹד שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

זֶעט צוּ קָאכְן גוּטֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, יֶעדֶע וָואךְ זָאלְט אִיר קָאכְן עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל לְכָבוֹד שַׁבָּת; אֲפִילוּ אִיר קֶענְט נֶעמֶען דִי עֶסְן בַּיי אַייעֶר מַאמֶע אָדֶער גֶעשְׁווִיסְטֶער - זָאלְט אִיר אָבֶּער מַקְפִּיד זַיין צוּ קָאכְן עֶפֶּעס גוּטֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, און בַּיים קָאכְן און בַּאקְן זָאלְט אִיר זָאגְן: "לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ", מִיט דֶעם פַארְרֶעכְט מֶען אַלֶע עֲבֵירוֹת, און אוֹיךְ חִלּוּל שַׁבָּת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רעז): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לְהַרְבּוֹת בִּסְעֻדַּת שַׁבָּת, וְהוּא תִּקּוּן לְחִלּוּל שַׁבָּת", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ פַארְמֶערְן צוּ עֶסְן שַׁבָּת, און דָאס אִיז אַ תִּיקוּן פַאר חִלּוּל שַׁבָּת, "כִּי מֵחִלּוּל שַׁבָּת אִי אֶפְשָׁר לִזָּהֵר כִּי בְּקַל אֶפְשָׁר לְהִכָּשֵׁל בְּחִלּוּל שַׁבָּת חַס וְשָׁלוֹם", ווַייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט דָאס הִיטְן שַׁבָּת, מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן אִין

חִלּוּל שַׁבָּת, "וְהַתִּקּוּן הוּא עַל יְדֵי הָאֲכִילָה שֶׁל שַׁבָּת", און דורְךְ עֶסְן שַׁבָּת גוטֶע עֶסְן, מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת - פַארֶערְכְט מֶען חִלּוּל שַׁבָּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ ווִיל קוֹיפְן אַ נִישְׁט כָּשֶׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַז דַיין וַוייבּ פְרֶעגְט דִיר אוֹיבּ זִי מֶעג זִיךְ קוֹיפְן אַ נִישְׁט כָּשֶׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן זָאלְסְטוּ אִיר עֶנְטְפֶערְן אַז עֶס גֵייט דִיר זֵייעֶר וֵוי טוּן און זֵייעֶר שְׁטֶערְן, נִישְׁט זָאג: "אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ"; אַוַדַאי הָאסְטוּ אִיר לִיבּ, און אַוַדַאי אַז דוּ וֶועסְט אִיר זָאגְן יֶעדֶעס מָאל וָואס זִי פְרֶעגְט אוֹיף אַ נִישְׁט גוטֶע זַאךְ: "אִיךְ הָאבּ דִיךְ וַוייטֶער לִיבּ" - וֶועט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ צוּגְרוּנְד גֵיין; רִיכְטִיג אִיז, אַז זִי פְרֶעגְט אוֹיבּ זִי קֶען הָאבְּן אַ נִישְׁט גוטֶע טֶעלֶעפָאן, זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן וֵוייכֶערְהֵייט: "מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, אִיךְ ווִיל מִיט דִיר בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, און דִי צַדִּיקִים, דִי עֵינֵי הָעֵדָה - זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ הָאבְּן אַ נִישְׁט כָּשֶׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ".

אִיךְ בִּין זִיכֶער אוֹיבּ דַיין וַוייבּ וֶועט הֶערְן קְלָאר פוּן דִיר ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אָן קֵיין לֵיצָנוּת, אָן קֵיין טוּמְאָה - וֶועט זִי זִיכֶער טוּן דַיין ווִילְן. דוּ הָאסְט אַ וואוּילֶע וַוייבּ, אַן עֶרְלִיכֶע וַוייבּ; זִי הָאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דִי קְלִיפּוֹת, דִי טוּמְאָה צִיט זֵייעֶר, אָבֶּער פַאר דִיר וֶועט זִי עֶס טוּן.

לְדַעְתִּי דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קֵיין קְרִיגֶערֵיי, אָבֶּער דָאס יָא, אַז זִי פְרֶעגְט דִיר - זָאלְסְטוּ זַיין אָפְן מִיט אִיר און אִיר זָאגְן דִי גַאנְצֶע אֱמֶת, אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי טוּמְאָה אִין שְׁטוּבּ.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, וֶוייְן זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת, אַז אַלֶע זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וֶועט זַיין גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

זַיי שְׁטַארְק אִין דַאוֶנֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״וֶוער עֶס אִיז שְׁטַארְק צוּ דַאוֶנֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן - וֶועט הָאבְּן אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן״ (גֶעלְט), עֶס וֶועט זַיין גְרוֹיס שֶׁפַע.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן צְפַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע סָארְט בִּלְבּוּלִים אַז מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**צוּ מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, פַארְוָואס אִיךְ זֶע דִיךְ מֶער נִישְׁט, אוּן אוֹיבּ דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ וַוייטֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; הִתְבּוֹדְדוּת, גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶנֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא.

אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט דִיר זַיין פַאר חִיזוּק. וֶוען רֶבִּי יוּדְל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים, רֶבִּי יוּדְל הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת צוּ מְרַחֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם צַדִיק, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַרַיין צוּ גֵיין צוּם רֶבִּי׳ן, נָאךְ דְרֵיי טֶעג הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן פוּן זֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אִיךְ מוּז אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי׳ן׳.

דֶער רֶבִּי הָאט פַארְשְׁטַאנֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ וָואס רֶבִּי יוּדְל גֵייט אַרִיבֶּער, זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת. גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי יוּדְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל מְקוּרָב וֶוערן צוּם אֱמֶת דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער שֶׁקֶר מִתְגַּבֵּר אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן שֶׁקֶר, עֶר צֶעבְּרֶעכְט דֶעם שֶׁקֶר - וֶוערְט פוּן שֶׁקֶר - קֶשֶׁר״, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״דוּ וֶועסְט שׁוֹין בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּ מִיר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן״.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער, אִים מְבַלְבֵּל זַיין מִיט כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אוּן כָּל מִינֵי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת, אִים מַחְלִישׁ דַעַת זַיין עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי׳ן; דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מַאכְן פוּן שֶׁקֶר אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָימָא, נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ הָאף עֶס וֶועט בְּלַייבְּן צְווִישְׁן אוּנְז אַ קֶשֶׁר, אַ קְנִיפּ; דוּ וֶועסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, וַוייטֶער רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, אוּן אַזוֹי ווִי אַמָאל הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט סוֹבֵל זַיין רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, הָאף אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט וַוייטֶער רֵיין, דוּ בִּיסְט עֶרְלִיךְ, אוּן נִישְׁט הֶערְן קַיין שֶׁקֶר חַס וְשָׁלוֹם אַז דֶער רֶבִּי דַארְף דִיךְ נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד צוּ זָאגְן 'טַאטֶע' אוּן 'מַאמֶע'

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, תשפ"ד

צוּ מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ בֶּענְק מִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר צוּ דִיר, אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר יֶעדֶע מָאל צוּ זֶען דַיינֶע בְּרִיווּ.

בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", אַזוֹי גֵייט עֶס וֶוען מֶען וויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען שְׁפִּירְט ווִי 'קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', "וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת", דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען וויל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ - דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין קְלֵיין קִינְד וָואס רוּפְט דִיךְ בַּיים נָאמֶען, לֶערְן אִים אוֹיס צוּ זָאגְן 'טַאטֶע' אוּן 'מַאמֶע' אוּן מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם, עֶס קֶען זַיין עֶר הֶערְט דִי גֶעשְׁוְוִיסְטֶער רוּפְן בַּיים נָאמֶען זָאגְט עֶר אוֹיךְ אַזוֹי, אוּן אַז דוּ וֶועסְט אִים לֶערְנֶען מִיט סַבְלָנוּת, וֶועסְט אִים מְחַנֵּךְ זַיין מִיט אַהֲבָה - וֶועסְטוּ שֶׁעפְּן אַסַאךְ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אָט אִיז מֶען אַ מַלְאָךְ, אָט אִיז מֶען אַ גַּלָּח

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מַיין טַייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיי אַ חֲתוּנָה אוּן דֶער בַּדְחָן הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן חָתָן כַּלָה, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַ רֶבִּי; עֶר הָאט גֶעמַאכְט תְּנוּעוֹת, גֶעפְּרַאוֶועט, דֶערְנָאךְ אִיז דֶער בַּדְחָן אַרוֹיס אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט שְׁוַוארְצֶע קְלֵיידֶער ווִי אַ גַלָח, אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם הָאט גֶעלַאכְט. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אָט אִיז מֶען אַ מַלְאָךְ, אָט אִיז מֶען אַ גַלָח"; דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן יֶעדֶע זַאךְ אַ לִימוּד אוֹיף הִתְחַזְקוּת פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן מִיט דִי גֶעפִּיל צוּם רֶבִּי'ן, ווַייל אָט בְּרֶענְט אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ הִתְקַרְבוּת לַצַּדִּיק בֶּענְקְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אָט אִיז מֶען אַ גַלָח, מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען ווֶוערְט אַ חָסִיד שֶׁנָּפַל, ווָאס אִיז גְרוּעַ מִמְּשׁוּמָד; מֶען קִילְט זִיךְ אָפּ, מֶען ווֶוערְט קְלוּג, מֶען הַאלְט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט בֶּעסֶער פוּן רֶבִּי'ן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

"אִיךְ הָאבּ דְרֵיי סָארְט מֶענְטְשְׁן ווָאס קוּמֶען צוּ מִיר" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אֵיינֶער קוּמְט הֶערְן מַיינֶע תּוֹרוֹת, עֶר הָאט לִיבּ מַיינֶע שֵׁיינֶע תּוֹרוֹת, דִי טִיפְקֵייט, דִי ווֶועג ווִי עֶס אִיז גֶעבּוֹיט, אַ צְוֵוייטֶער סָארְט מֶענְטְשׁ קוּמְט עֶסְן קוּגֶל, אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ מֶענְטְשְׁן ווָאס אִיךְ בִּין זֵיי אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְץ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֵיי הֲפָצָה צוּ דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים ווָאס ווַאלְגֶערְן זִיךְ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, צְפַת**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ שְׁטַארְקֶסְט זִיךְ מִיטְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ,

הֲפָצָה, דוּ טְרִינְקְסְט אָן בֵּיימֶער. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג׳ מְחֻגֵּר): "אִיר זָאלְט אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער"; גֵיין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אַ וֶועג צוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ וֶועג צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ אוּן מִיט קִינְדֶער.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע זַאךְ, אוּן זוּךְ אוֹיף דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים וָואס וַואלְגֶערְן זִיךְ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְּקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז. קוּק אַרַיין אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי", קוּם אוּן זֶע, "כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדֵל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתָּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֵחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מִיט דַיין קֶעסְט און מִיט דִי סְקוּטֶער לוּיפְּסְטוּ אַרוּם הַפָּצָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר מָאנְטְרִיאַל, קַאנַאדַא**

אִיךְ הֶער אַז דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן און זִיךְ צֶעבְרָאכְן דַיין פוּס, און מִיט דַיין קֶעסְט און מִיט דִי סְקוּטֶער לוּיפְּסְטוּ אַרוּם הַפָּצָה; מַמָּשׁ וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יא): "וְשֶׁמָּא תֹאמַר אוֹתָן שִׁבְעִים אֶלֶף שֶׁנֶּהֶרְגוּ בְּגִבְעַת בְּנֵי בִנְיָמִין מִפְּנֵי מַה נֶהֶרְגוּ", פַארְוָואס אִיז גֶעשֶׁען דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה אַז זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן 'פִּלֶגֶשׁ בַּגִּבְעָה'? "הָיָה לָהֶן לְסַנְהֶדְרִין גְּדוֹלָה שֶׁהִנִּיחַ מֹשֶׁה וִיהוֹשֻׁעַ וּפִנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר עִמָּהֶם שֶׁיִּקְשְׁרוּ חֲבָלִים שֶׁל בַּרְזֶל בְּמָתְנֵיהֶם", דִי סַנְהֶדְרִין, דִי צַדִיקִים - וָואלְטְן זִיךְ וֶוען גֶעדַארְפְט אַרוּמְבִּינְדְן דִי פִּיס מִיט אַייזֶערְנֶע שְׁטְרִיק, "וְיַגְבִּיהוּ בִּגְדֵיהֶם לְמַעְלָה מֵאַרְכֻּבוֹתֵיהֶם", און זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דִי שֵׁיינֶע לַאנְגֶע בֶּעקִיטְשֶׁעס, "וִיחַזְּרוּ בְּכָל עֲיָרוֹת יִשְׂרָאֵל", און אַרוּמְגֵיין אִין אַלֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ, "יוֹם אֶחָד בְּבֵית קֵל", אֵיין טָאג אִין שְׁטָאט בֵּית קֵל, "יוֹם אֶחָד לְחֶבְרוֹן", אֵיין טָאג אִין שְׁטָאט חֶבְרוֹן, "יוֹם אֶחָד לִירוּשָׁלַיִם", אֵיין טָאג אִין יְרוּשָׁלַיִם, "וִילַמְּדוּ אֶת יִשְׂרָאֵל דֶּרֶךְ אֶרֶץ בַּשָּׁנָה בִּשְׁתַּיִם בְּשָׁלֹשׁ", און אוֹיסְלֶערְנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווִי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און בִּיז אַ צְוֵויי דְרֵיי יָאר, "כְּדֵי שֶׁיִּתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּעוֹלָם כּוּלוֹ שֶׁבָּרָא מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ", אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט בִּיזְן צְוֵוייטְן, "הֵן לֹא עָשׂוּ כֵּן", זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַזוֹי גֶעטוּן", "אֶלָּא כְּשֶׁנִּכְנְסוּ לְאַרְצָם, כָּל אֶחָד וְאֶחָד נִכְנַס לְכַרְמוֹ וּלְיֵינָם, אָמַר שָׁלוֹם עָלַי נַפְשִׁי, כְּדֵי שֶׁלֹּא לְהַרְבּוֹת אֶת הַטּוֹרַח", נָאר יֶעדֶער הָאט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט זַיינֶע עִנְיָנִים, און גֶעזָאגְט שָׁלוֹם עָלַי נַפְשִׁי; דֶערְפַאר אִיז גֶעקוּמֶען דִי בִּיטֶערֶע גְזֵירָה.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט צֶעבְרָאכְן דַיינֶע פִּיס און דוּ גֵייסְט וַוייטֶער אַרוּם הַפָּצָה מִיט אַייזֶערְנֶע שְׁטְרִיק - הַאלְט דָאס צוּרִיק שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ און שְׁטַארְק נָאךְ חֲבֵרִים, אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע

זַאךְ וָואס אִיז מְתַקֵּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַלֶע פְּגָמִים, אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ שֵׁיינֶע שַׁ"ס, ווִיל אִיךְ דִיר צוּרִיק גֶעבְּן אַ מַתָּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע מַתָּנָה, דִי שֵׁיינֶע שַׁ"ס וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה; אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוֹיף דֶעם.

אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ שַׁ"ס ווִיל אִיךְ דִיר צוּרִיק גֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אַבִּיסְל חִיזּוּק אוֹיף לֶערְנֶען שַׁ"ס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אֲפִילוּ מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לְעוֹלָם לִיגְרִיס אֱינִישׁ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, "וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעווָאוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט

אַסאַך וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט - זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייך פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיך אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסאַך זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לִגְמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיך צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסאַך; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסאַך מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה

סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוּנְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בְּלַייבּ נָאר מִיט דִי שִׁיעוּרִים וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ עֶרְהַאלְטְן גָאר גוּטֶע גְרִיסְן

פוּן דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן פוּן דֶער מְנַהֵל, זֵיי זָאגְן אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ אוֹיף מִיט גָאר גוּטֶע מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט צוּלֵייגְן נָאךְ שִׁיעוּרִים צוּ דִי שִׁיעוּרִים וָואס דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג; דַארְפְסְט נִישְׁט צוּלֵייגְן יֶעצְט נָאךְ שִׁיעוּרִים, בְּלַייבּ מִיט דִי שִׁיעוּרִים וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט, אַ שִׁיעוּר אִין מִקְרָא - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ, אַ שִׁיעוּר אִין נַ"ךְ, אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָה - חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא - בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, הֲלָכָה, מֶדְרָשׁ, זוֹהַר, תִּיקוּנֵי זוֹהַר אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; בַּאפְלַייס זִיךְ אִין דִי שִׁיעוּרִים, אוּן נָאךְ אַ יָאר זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט צוּלֵייגְן.

אַלֶע קוּקְן אוֹיף דִיר, מֶען וִויל זֶען וִוי אַזוֹי פִירְט זִיךְ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא פּוּ.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר, וַוייל וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין זָאגְן אַלֶע: "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוֹיל זֶענֶען דַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוֹיל אִיז זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִין שְׁטֶעטְל דַארְף מֶען אוֹיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, תשפ"ד

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין אִין יְשִׁיבָה דִי וָואךְ פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען וִוי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִידּוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אוֹיךְ פוּן דַיין הַתְמָדָה.

איךְ וויל דיר בֶּעטְן זָאלְסְט זיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אויף דַיינֶע אויגְן, אֲפִילוּ אין שְׁטֶעטְל וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט ווי אין שְׁטָאט - דַארְף מֶען אויךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם, מֶען קֶען זיךְ חַס וְשָׁלוֹם אָנְטְרֶעפְן מִיט אָרִיךְ אַנְפִּין דקְלִפָּה, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמב): "דַע שֶׁיֵּשׁ בְּחִינַת אֲרִיךְ אַנְפִּין בַּקְלִפָּה", עֶס אִיז דָא דִי זַאךְ פון 'אָרִיךְ אַנְפִּין' אויךְ בַּיי דִי קְלִיפָּה, "וּמִי שֶׁפּוֹגֵעַ בְּאִשָּׁה מִבְּחִינָה זוֹ קָשֶׁה לוֹ לְהִנָּצֵל מֵהִרְהוּר", און וֶוער עֶס פַאלְט אַריין אין דֶעם אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ בְּלַייבְּן מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, "וְאַף אִם יַעֲצִים עֵינָיו", אֲפִילוּ עֶר וֶועט אַרָאפְּקוּקְן און צוּמַאכְן דִי אויגְן, "אַף עַל פִּי כֵן בְּכָל צַד שֶׁיִּפְנֶה תִּזְדַּמֵּן לוֹ", וועט עֶס אִים נָאכְלוֹיפְן און עֶר וֶועט וַוייטֶער טְרַאכְטְן פון דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען, "כִּי הִיא בְּחִינַת אֲרִיךְ אַנְפִּין שֶׁל הַקְלִפָּה, שֶׁהֵם פָּנִים אֲרֻכִּים וְעַל כֵּן בְּכָל צַד שֶׁיִּפְנֶה תִּזְדַּמֵּן לוֹ", וֶוען מֶען פַאלְט אַריין אין דִי קְלִיפָּה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אויגְן, ווייל וואוּ מֶען גֵייט און וואוּ מֶען קוּקְט - זֶעט מֶען דִי קְלִיפָּה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶעריבֶּער בֶּעט איךְ דיר, גֵיי נִישְׁט אין דִי גַאסְן, גֵיי נִישְׁט צוּ דִי גְרָאסֶערִי; בְּרֶענְג זיךְ מִיט אִינְדֶערְפְרִי מְזוֹנוֹת וְכַדוֹמֶה, און בְּלַייבּ אין דִי ד' אַמּוֹת פון דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה. עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ גֵיין אִין גְרָאסֶערִי און הָאבְּן אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, ווייל דִי גוֹיִם און גוֹיוֹת גֵייעֶן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרִיצוּת, און דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט, מֶען וֶוערְט אַזוֹי מְשׁוּגָע, מֶען קוּקְט און מֶען קוּקְט, און נָאכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן.

אויךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דיךְ רַאטֶעוֶוען פון דֶער יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פון קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, און עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה, עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויבּ וֶועט עֶר זיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת

צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ׳כַּךְ וְכַךְ׳ - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דוּרְךְ תּוֹרָה וֶועט מֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לֶערְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): ״אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוֹיבּ לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי מִיר גֶעזָאגְט ׳תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, תּוֹרָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ׳״; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן - דוּרְךְ תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ וִויל קֶענֶען אַלֶעס קוֹיפְן, אָן דַארְפְן פַארְדֶעם קוּקְן אִין בַּאנְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, תשפ״ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאסְט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן צוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, נִישְׁט דַארְפְן קוּקְן אִין בַּאנְק פַאר מֶען קוֹיפְט עֶפֶּעס, נִישְׁט דַארְפְן לֶעבְּן בְּצִמְצוּם, נָאר קֶענֶען יֶעדֶע מָאל קוֹיפְן מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס פַאר אַ סְגוּלָה דוּ קֶענְסְט טוּן.

בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט אוּן אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל שְׁרַייבְּן, אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ יֶעצְט פּוֹעֶל'ן; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט אִיר נִישְׁט אָפְּזִידְלֶען, דוּ וֶועסְט רֶעדְן אַזוֹי וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ חָשׁוּבְ'עֶר מֶענְטְשׁ, צוּ אַ פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט – וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע, עֶס וֶועט זִיךְ גִיסְן בַּיי דִיר שֶׁפַע.

בִּיז דֶערְוַוייל בִּיסְטוּ דָאס מְקַיֵּים פַאר אֵיין טָאג, אוּן פַאר צְוֵויי טֶעג שְׁרֵייסְטוּ, אוּן נָאכְדֶעם בֶּעטְסְטוּ אִיבֶּער, אוּן פַאר צְוֵויי טֶעג רֶעדְסְטוּ שֵׁיין, אוּן נָאכְדֶעם עוֹדְךָ זִידְלְסְטוּ אִיר, אוּן דוּ רֶעדְסְט צוּ אִיר וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ שְׁקְלַאפְטֶע, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אִיךְ זָאג דִיר צוּ מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער רֶעדְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ, (אִיךְ זָאג נִישְׁט מֶען דַארְף פָאלְגְן אַלֶעס וָואס אַ וַוייבּ זָאגְט, אִיךְ רֶעד פוּן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט; דִי טַעֲנוֹת, דִי פַארְשֶׁעמֶען אוּן טְשֶׁעפֶּען), דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִיר וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ קֶענִיגְן – וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, דוּ וֶועסְט קֶענֶען קוֹיפְן דִי טֵייעֶרְסְטֶע קְלֵיידֶער מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן, אָן קוּקְן וִויפִיל גֶעלְט עֶס אִיז דָא אִין בַּאנְק.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ דָאס מָאל פָאלְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואלְט אִיר גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קְלֵייד קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אוֹיסְגֶעפַּאסְט (טֵייט), עֶס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין, עֶס מַאכְט בְּרֶעכְן, גוֹעֵל נֶפֶשׁ; אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף גֵיין שֵׁיין אָנְגֶעטוּן, אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט פַאר אַ טָאכְטֶער פוּן אַ קֶענִיג. מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין חַיּוֹת פוּן

וַואלְד, מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס קִינְדֶער.

יֶעצְט אִין דִי חֲדָשִׁים וֶוען אִיר וַוארְט אַ שִׂמְחָה אִיז זִיכֶער אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען טוּט זִיךְ אָן, צוּ גֵיין שֵׁיין אוּן אֵיידְל; וֶועט דָאס הָאבְּן אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיפְן קִינְד, אוֹיף לִיכְטִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

אֵיידֶער אִיר קוֹיפְט אַ קְלֵייד זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן ׳וָואס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ הֶער דִי שׁוֹפָר פוּן מָשִׁיחַ אוּן אִיךְ דַארְף יֶעצְט גֵיין אַנְטְקֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קְלֵייד? וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי דִינֶע שְׁטְרוּמְפּ?׳

אֵיידֶער אִיר טוּט זִיךְ אָן אַ קְלֵייד טְרַאכְטְס ׳וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ זִיךְ שְׁפִּירְן צוּ זִיצְן אוֹיבְן אִין גַן עֵדֶן מִיט אַזַא קְלֵייד, וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט זִיצְן אִין גַן עֵדֶן נֶעבְּן דִי צַדִיקִים אוּן צִדְקָנִיוֹת מִיט אַזַא אוֹיסְגֶעפַּאסְטֶע קְלֵייד? וָואלְט אִיךְ גֶעזִיצְן אִין גַן עֵדֶן נֶעבְּן דִי צַדִיקִים מִיט דִינֶע שְׁטְרוּמְפּ וְכוּ׳ וְכוּ׳?׳

עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס וֶוען אִיךְ לֵיין דֶעם בְּרִיוו וֵויין אִיךְ, מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט פַאר דִי תַּלְמִידוֹת אִין יַבְנְאֵל וֶוען עֶר הָאט זִיךְ דֶערְווּסְט אַז דִי רֶעבֶּעצִין זַיינֶע לַיידְט פוּן דִי בִּיטֶערֶע קְרֶענְק, מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט, אֶפְשָׁר קוּמְט מִיר דָאס פַאר אַ שְׁטְרָאף אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג גֶערֶעדְט צוּ מַיינֶע תַּלְמִידוֹת פוּן צְנִיעוּת; אִיךְ וֶוער אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם בְּרִיוו, אִיךְ טְרַאכְט ׳רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוער נָאךְ הָאט גֶערֶעדְט אַזוֹיפִיל צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן זַיין אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ וִוי מוֹהֲרָא״שׁ, אוּן וְעַל כּוּלָם זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ אַז עֶר נֶעמְט עֶס אוֹיף זִיךְ פַארְן נִישְׁט רֶעדְן גֶענוּג׳.

נָאךְ אַ בְּרִיוו אִיז דָא פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אִין דִי טָאג פוּן זַיין פְּטִירָה, דִי בְּרִיוו מַאכְט אוֹיךְ וֵויינֶען, מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט:

**שָׁלוֹם רַב צוּ אַלֶע טַייעֶרֶע פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**

אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ פַּארְנֶעמֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין צְנִיעוּת.

קוּקְט וואוּ אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן צוּם סוֹף, אוּן נֶעמְט אַייךְ פָאר צוּ זַיין

צְנִיעוּת׳דִיג, און מִיט דֶעם וֶועט אִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ פַאךְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און פַאר מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעהִיטְן מַיין גַאנְץ לֶעבְּן פוּן דִי אַלֶע וֶועלְכֶע הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט שְׁלֶעכְטְס טוּן, זָאל אַייךְ אוֹיךְ אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַז אִיר זָאלְט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַאר דֶעם, און וָואס אִיר וֶועט בֶּעטְן בַּיי מַיין קֶבֶר, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען פוּן הִימְל.

**אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ בְּרָכָה און הַצְלָחָה**

*

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי שָׁכֵנְ׳טֶע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן מֶער מִיט דִי שָׁכֵנְ׳טֶע דִי בַּעַל הַבַּיִת׳טֶע פוּן דַיין דִירָה; עֶס שְׁמֶעקְט פוּן נִיאוּף, עֶס שְׁמֶעקְט פוּן עֲבֵירוֹת; ווער עֶס וֶועט הֶערְן אַזַא זַאךְ, אַז אַ אִינְגֶערְמַאן אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה שְׁטֵייט און רֶעדְט שָׁעוֹת און שָׁעוֹת מִיט אַ שָׁכֵנְ׳טֶע וועט וֶועט זָאגְן אַז דָאס שְׁמֶעקְט פוּן עֲבֵירוֹת.

גֶעדֶענְקְסְט ווִי שְׁטַארְק דוּ הָאסְט גֶעוֵויינְט אַלְס בָּחוּר זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, און גֶעדֶענְקְסְט ווִי דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְרֵייט וֶוען דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן, הָאסְט בַּאקוּמֶען אַן אֵשֶׁת חַיִל, אַ מַתָּנָה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דַיין לֶעבְּן בָּזֶה וּבַבָּא.

הָאבּ שֵׂכֶל, גֶעבּ נִישְׁט אַוֶועק דָאס לֶעבְּן צוּלִיבּ אַ פֶערְטְל שָׁעָה. דֶער רֶבִּי

זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קח): "אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג׳ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא".

אַז זִי הָאט עֶפֶּעס צוּ רֶעדְן וֶועגְן דִי דִירָה - קֶען זִי אָנְרוּפְן דַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעמְט דִי קִינְדֶער, דִי מַאמֶע זָאל קֶענֶען טוּן אִיר אַרְבֶּעט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, תשפ"ד

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר הָאט לִיבּ בֵּית פֵיגָא סְקוּל, אִיר הָאט לִיבּ אַייעֶרֶע טִיטְשֶׁערְס אוּן אִיר זֶענְט קוֹנֶה אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן.

הֶעלְפְט אַייעֶר מַאמֶע אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְפְט צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוּבּ אוּן הֶעלְפְט מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֵויינֶען, אַז אַייעֶר מַאמֶע זָאל קֶענֶען טוּן אִיר אַרְבֶּעט אוּמְגֶעשְׁטֶערְט. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ דִי מַאמֶע, עֶס אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע מִצְוֹת בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, נֶעמְט נִישְׁט קַיין פְּרֶעשׁוּר, זָאגְט אַבִּיסְל מִיט נָאךְ אַבִּיסְל, וִויפִיל אִיר קֶענְט, אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ מְנַהֵל דַארְף מוּטִיגְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי מְלַמְּדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ

הָאסְט אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת מִיטְן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר קִמְחָא דְּפִסְחָא אוּן

אוֹיסְטֵיילְן פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין מְקַנֵּא דַיין זְכוּת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת בִּזְכוּת דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וִוי זֵיי בַּאדַאנְקֶען זִיךְ אַז דִי קִמְחָא דְפִסְחָא גֶעלְט הָאט זֵיי לִיכְטִיג גֶעמַאכְט אִין שְׁטוּבּ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, זַיי מְחַזֵּק דִי מְלַמְּדִים מִיט דִי לֶערֶערִינְס; דָאס אִיז דַיין פְלִיכְט, אַ מְנַהֵל הָאט אַסַאךְ אַרְבֶּעט, אָבֶער דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט אִיז מוּטִיגְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַלֶע מְלַמְּדִים, אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי שְׁטֶעטְל אוּן דִי קְהִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן הֶעלְפְן דִי קְהִילָה. דִי חַבְרֵי הַנְהָלָה אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן זֵיי בֶּעטְן זִיךְ, הַלְוַאי זָאלְן קוּמֶען נָאךְ אִינְגֶעלַייט הֶעלְפְן. יֶעצְט דַארְף מֶען הִילְף מִיט דִי וַואלְן, אוּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין צוּ הֶעלְפְן צַאמְנֶעמֶען דִי חֲתִימוֹת פַאר דִי וַואלְן.

טוּ מִיר דִי טוֹבָה, יֶעדֶע פָאר טֶעג זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן דַיין שְׁוָואגֶער מְנַחֵם נֵרוֹ יָאִיר, חַבֵר הַנְהָלָה - וָואס דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן דִי שְׁטֶעטְל, וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן פַאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קְהִלָּה.

לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״מְעַט גַּם כֵּן טוֹב״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט